**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 9/8/2023 **גאווערנער קעטי האקול**

**גאווערנער האקול שענקט באגנאדיגונג פאר דרייצן מענטשן**

***ערפולט ווייטער פארפליכטונג צו שענקען באגנאדיגונג אויף אן אנגייענדן פארנעם***

***בויט ארויף אויף גאווערנער'ס באמיאונגען צו מאכן א רעפארם צו דעם באגנאדיגונג פראצעדור, ארייגרעכענענדיג דאס צוזאמרופן אן אדווייזארי פאנעל פון אומפארטייאישע עקספערטן, צולייגן דערצו נאך איינגעשטעלטע און פארמערן קאמיוניקאציע מיט אפליקאנטן***

גאווערנער קעטי האקול האט היינט געשאנקען באגנאדיגונג (קלעמענסי) פאר דרייצן מענטשן. די שריט, ארייגרעכענענדיג צען פולשטענדיגע פארדאנס און דריי אורטייל פארקערצערונגען, אנערקענט מענטשן וואס ווייזן ארויס חרטה, זענען א מוסטער פון ערהוילונג און ווייזן ארויס א פארפליכטונג זיך צו פארבעסערן אליין און צו פארבעסערן זייערע קאמיוניטיס. די היינטיגע שריט רעפרעזענטירט די גאווערנער'ס ווייטערדיגע ערפולונג פון איר פארפליכטונג צו איבערקוקן און נעמען שריט אויף באגנאדיגונג אפליקאציעס אויף אן אנגייענדן פארנעם, אנשטאט בלויז איינמאל ביי די ענדע פון די יאר.

"באגנאדיגונג איז איינע פון די ערנסטע פאראנטווארטליכקייטן וואס ווערט געגעבן פאר א גאווערנער, און איך האב זיך אנטשלאסן צו פארבעסערן די פראצעדור ווען איך בין אריין אין אפיס," **האט גאווערנער האקול געזאגט.** "אונזערע באמיאונגען צו צאמשטעלן א נייע אדווייזארי פאנעל - צו רעפרעזענטירן וויכטיגע בליקן ארייגרעכענענדיג געזעץ איינפארסירער, וויקטימס, די געריכטליכע, און אנדערע - האט געפירט צו מער א ווירקזאמע פראצעדור אינעם צייט וואס מיר הויבן אן שענקען באגנאדיגונג אויף אן אנגייענדן פארנעם."

די געשאנקענע באגאדיגונגען פאלגן נאך גאווערנער האקול'ס פארפליכטונג צו צולייגן נאך איינגעשטעלטע צו איבערקוקן אפליקאציעס, א זאך וואס העלפט זיכער מאכן אז די אנגייענדע פראצעדור קען פארקומען אין א באדייטפולע וועג און אז יעדע אפליקאציע קען באקומען די גרונטליכע און צייטליכע אויפמערקזאמקייט וואס עס קומט פאר זיך.

די גאווערנער'ס אפיס האט אונטערגענומען א רייע שריט צו פארמער די דורכזיכטיגקייט און קאמיוניקאציע דורכאויס דעם באגנאדיגונג פראצעדור. די עקזעקיוטיוו קלעמענסי ביורא האט איינגעפירט א נייע פאליסי פון שיקן רעגלמעסיגע בריוון צו מענטשן מיט קלעמענסי אפליקאציעס, זיי צו אינפארמירן וועגן זייער קעיס סטאטוס, און צושטעלן אינפארמאציע איבער ווי אזוי צו אריינגעבן נאך אינפארמאציע אין שטיצע פון זייערע אפליקאציעס. די גאווערנער'ס אפיס איז אויך ארויסגעקומען מיט א פארבעסערטע וועבזייטל וואס העלפט באגנאדיגונג אפליקאנטן מיט דעם אפליקאציע פראצעדור; די וועבזייטל רעכנט אריין ניי-געשריבענע גרייטע נוסחאות פאר באגנאדיגונג אפליקאציע בויגנס, סיי פאר א פארדאן און סיי פאר אורטייל פארקערצערונגען, כדי צו גיבן פאר צוקונפטיגע אפליקאנטן בעסערע אנווייזונגען איבער וועלכע אינפארמאציע צו אנגעבן ווען זיי אפלייען.

די גאווערנער האט אויך צוזאמגערופן א באגנאדיגונג אדווייזארי פאנעל וואס באשטייט פון אומפארטייאישע עקספערטן צו ארויסהעלפן מיטן ראטן די גאווערנער איבער באגנאדיגונג אפליקאציעס. נאכפאלגנדיג רעקאמענדאציעס פון די קלעמענסי אדווייזארי פאנעל, שענקט גאווערנער האקול פולשטענדיגע פארדאנס פאר 10 אנדערע מענטשן וועלן זיצן צוליב פארברעכן וועלן זענען שוין כאטש צען יאר אלט דערביי פארגרינגערנדיג די אורטייל פון דריי מענטשן.

**פארדאנס**

נאנא אמפאוו, 56, האט געלעבט א לעבן פריי פון פארברעכן פאר 15 יאר. זי האט געוואוינט אין די פאראייניגטע שטאטן פאר אומגעפער 20 יאר, איז פארהייראט צו אן אמעריקאנער בירגער, און האט פיר קינדער וועלכע זענען אלע אמעריקאנער בירגער אדער געזעצליכע פערמענאנטע איינוואוינער. מס. אמפאוו האט געארבעט אלץ א היים קעיר געהילף און א העלפער פאר א גייסטישע געזונטהייט פראגראם און אינעם זעלבן צייט געארבעט אויף א דעגרי אין סאושעל װארק. מס. אמפאוו איז באשולדיגט געווארן מיט פעלשן ביזנעס רעקארדס פונעם ערשטן גראד אין 2007. א פארדאן וועט איר העלפן אין איר פראבע צו באקומען נעטשורעלייזעישען און ווערן א בירגערין פון די פאראייניגטע שטאטן.

הענרי וויליאמס, 70, האט געלעבט א לעבן פריי פון פארברעכן פאר 27 יאר. ער האט געוואוינט אין די פאראייניגטע שטאטן פאר איבער 25 יאר און איז פארהייראט צו אן אמעריקאנער בירגער; צוזאמען האבן זיי זעקס קינדער און מערערע אייניקלעך וועלכע זענען אויך אמעריקאנער בירגער. מר. וויליאמס איז באשולדיגט געווארן פאר פארקויפן מאריכואנא אומלעגאל אינעם פערדע גראד און נישט גוטע אויפפירונג אין 1996. א פארדאן וועט אים העלפן באקומען נעטשורעלייזעישען צו ווערן א בירגער אין די פאראייניגטע שטאטן.

עדעלבערטא רענדאן, 59, האט געלעבט א לעבן פריי פון פארברעכן פאר 34 יאר. ער האט געוואוינט אין די פאראייניגטע שטאטן איבער 37 יאר און האט צוויי קינדער וועלכע זענען ביידע אמעריקאנער בירגער. ער האט געארבעט אין די עסן סערוויס אינדוסטריט פאר איבער 30 יאר און איז אקטיוו אין זיין לאקאלע קאמיוניטי. מר. רענדאן איז באשולדיגט געווארן מיט קרימינאלע באזיץ פון א קאנטראלירטע סובסטאנץ אינעם פערדע גראד און קרימינאלישע באזיץ פון א קאנטראלירטע סובסטאנץ אינעם זיבעטע גראד אין 1989. א פארדאן וועט העלפן אוועקנעמען די שרעק פון ווערן דעפארטירט אזוי אז ער זאל קענען פארבלייבן אין די פאראייניגטע שטאטן מיט זיין פאמיליע און קאמיוניטי.

ראמאן פערעז, 58, האט געלעבט א לעבן פריי פון פארברעכן פאר 31 יאר. ער איז געקומען צו די פאראייניגטע שטאטן אלץ א יוגנטליכע און האט שוין געוואוינט דא פאר איבער 30 יאר. ער איז פארהייראט צו אן אמעריקאנער בירגער און האט פינף קינדער און דריי שטיף-קינדער וועלכע זענען אלע אמעריקאנער בירגער. ער איז אן אקטיווע מיטגליד פון זיין לאקאלע קאמיוניטי און פירט א קליינע ביזנעס אינאיינעם מיט זיין ווייב. ער איז באשולדיגט געווארן מיט פרובירן צו מאכן א קרימינאלע געשעפט פאר א קאנטראלירטע סאבסטענץ אינעם דריטע גראד און פון פרובירן צו האלטן אין באזיץ קרימינאליש א קאנטראלירטע סאבסטענץ אינעם פערדע גראד אין 1991. א פארדאן וועט אים העלפן באקומען נעטורעלייזעישען צו ווערן א בירגער אין די פאראייניגטע שטאטן.

ראול לאביט, 64, האט געלעבט א לעבן פריי פון פארברעכן פאר 32 יאר. ער איז ערשט געקומען צו די פאראייניגטע שטאטן אין די 1980'ס און האט געוואוינט דארט פאר איבער 20 יאר נאכאנאנד. ער האט א קינד און צוויי אייניקלעך וועלכע זענען אמעריקאנער בירגער, און ער פירט אן א קאנטראקטינג ביזנעס צו טון רענאוואציעס און איבערבויען. ער איז באשולדיגט געווארן מיט קרימינאלישע באזיץ פון א קאנטראלירטע סאבסטענץ אינעם זיבעטע קראד אין 1990. א פארדאן וועט אים העלפן באקומען נעטורעלייזעישען צו ווערן א בירגער אין די פאראייניגטע שטאטן.

דעיוויד גארסיע נונעז, 60, האט געלעבט א לעבן פריי פון פארברעכן פאר 30 יאר. ער האט געוואוינט אין די פאראייניגטע שטאטן פאר איבער 40 יאר, איז פארהייראט צו אן אמעריקאנער בירגער, און האט פינף קינדער וועלכע זענען אמעריקאנער בירגער. ער איז באשולדיגט געווארן מיט פרובירן צו מאכן א קרימינאלע געשעפט פאר א קאנטראלירטע סאבסטענץ אינעם דריטע גראד אין 1987 און פון פרובירן צו זיין אין קרימינאלע באזיץ פון א קאנטראלירטע סאבסטענץ אינעם דריטע גראד אין 1992. א פארדאן וועט אים העלפן באקומען נעטורעלייזעישען צו ווערן א בירגער אין די פאראייניגטע שטאטן.

מייקעל מארטין, 56, האט געלעבט א לעבן פריי פון פארברעכן פאר 14 יאר. ער האט געוואוינט אין די פאראייניגטע שטאטן איבער 33 יאר און האט מערערע פאמיליע מיטגלידער, אריינרעכנענדיג זיין טאטע, צוויי קינדער, און איין שטיף-קינד, וועלכע זענען אמעריקאנער בירגער. מר. מארטין איז באשולדיגט געווארן פון איבערהיפן בעיל אינעם צווייטע גראד אין 1999 נאכ'ן פארפאסן געריכט דאטומס פארבינדן צו באשודיגונגען פון וועלכע ער איז שפעטער באפרייט געווארן. א פארדאן וועט אים העלפן אוועקנעמען די סכנה פון דעפארטירט ווערן און אים העלפן באקומען נעטורעלייזעישען צו ווערן א בירגער פון די פאראייניגטע שטאטן.

סיען סטעפען, 59, האט געלעבט א לעבן פריי פון פארברעכן פאר 20 יאר. ער איז געקומען צו די פאראייניגטע שטאטן ווען ער איז געווען אומגעפער פינף יאר אלט און וואוינט שוין דא פאר איבער 50 יאר. ער האט א קינד וואס איז אן אמעריקאנער בירגער און דינט אלץ א מיטל פון שטיצע פאר עטליכע פאמיליע מיטגלידער. ער איז אן אקטיווע מיטגליד פון זיין לאקאלע קאמיוניטי, אריינרעכענעדיג דורך אנטייל נעמען אין יוגנטליכע לערנען פראגראמען, און ער פירט א קליינע ביזנעס. מר. סטעפען איז באשולדיגט געווארן מיט קרימינאלישע באזיץ פון א קאנטראלירטע סאבסטענץ אינעם דריטע קראד אין 2003. א פארדאן וועט העלפן אוועקנעמען די שרעק פון ווערן דעפארטירט אזוי אז ער זאל קענען פארבלייבן אין די פאראייניגטע שטאטן מיט זיין פאמיליע און קאמיוניטי.

קריסטאפער דייער, 38, האט געלעבט א לעבן פריי פון פארברעכן פאר 17 יאר. ער איז געקומען צו די פאראייניגטע שטאטן ווען ער איז געווען זיבן יאר אלט און געוואוינט דא פאר אומגעפער 25 יאר איידער'ן ווערן דעפארטירט אין 2017 צוליב זיינע באשולדיגונגען. ער איז פארהייראט צו אן אמעריקאנער בירגער און האט צוויי קינדער וועלכע זענען אמעריקאנער בירגער, אוןביידע זענען מינעריערונגער. מר. דייער האט געוואוינט א לעבן פריי פון פארברעכן פאר אומגעפער 10 יאר ווען ער האט זיך איינגעגעבן פאר אמעריקאנער בירגערשאפט; די פראצעדור אליינס האט פאראורזאכט זיין דעפארטאציע, און זיין פאמיליע איז צוטיילט זייט דעמאלץ. מר. דייער איז באשולדיגט געווארן מיט פרובירטע רויבעריי אינעם צווייטע גראד אין 2006 און אטאקע אינעם דריטע גראד אין 2005. א פארדאן וועט איך העלפן צוריקקומען צו די פאראייניגטע שטאטן זיך צו צאמטרעפן מיט זיין פאמיליע און קאמיוניטי.

אנדריו אקסענדיין, 63, האט געלעבט א לעבן פריי פון פארברעכן פאר 41 יאר. ער איז אן אמעריקאנער בירגער און וועטעראן פון די מיליטער, האבנדיג זיך איינגעשריבן אין די פאראייניגטע שטאטן מארין קארפס ביים עלטערן פון 17 יאר. ער האט געדינט אויף אקטיווע דינסט און אלס א מיטגליד פון די רעזערוון פאר עטליכע יאר איידער'ן ווערן באפרייט מיט כבוד אין 1999. מר. אקסענדיין האט אויך געארבעט פאר א לאקאלע האוזינג געלעגנהייטן קאמיסיע פאר אמגעפער דרייסיג יאר איידער לעצטנס רעטייער'ן. מר. אקסענדיין איז באשולדיגט געווארן מיט פרובירטע רויבעריי אינעם דריטע גראד אין 1982.

**<u>אורטייל פארגרינגערונגען</u>**

גרעגארי גאודוויין, 56, איז באשולדיגט געווארן אויף רויבעריי אינעם ערשטע גראד, קרימינאלע באזיץ פון געווער אינעם דריטע גראד, און גרעסערע רויבעריי אינעם פערדע גראד אין 2005 אין פארבינדונג מיט א

רוּיבעריי פון א בערזל אינדרויסן פון א גראסערי וואס האט נישט רעזולטירט אין פיזישע וואונדן. מר. רוס איז פאראורטיילט געווארן צו 25 יאר ביז לעבן אין טורמע, פון וועלכע ער האט שוין געדינט נאנט צו 19 יאר. אין דעם צייט, האט מר. גאודוויין אנטייל גענומען אין א סעריע פון פראגראמען ארום קאונסעלינג, זעלבסט-דעוועלאפמענט, און ווידער-איינטריט אינעם קאמיוניטי און צוריקגיין צו א נארמאלע לעבן. ער איז אויך געווען אן אקטיווע מיטגליד פון זיין גלויבן קאמיוניטי און געדינט אלץ א העלפער פאר אנדערע איינגעשפארטע מענטשן. אויך, איז מר. גאודווין געווארן אן ערפארענע לעגאלע פארשער, געדינט א פאראלעגאל סערטיפיקאציע, און פארברענגט עטליכע יאר מיט ארבעטן אין לעגאלע לייבעריס אינעם צייט וואס ער איז געווען איינגעשפארט. ווען ער וועט באפרייט ווערן, וועט מר. גאודווין וואוינען מיט זיין ווייב און זון.

מייעשיע האווקינס-טעילאר, 49, איז באשולדיגט געווארן מיט פרובירטע מערדער אינעם צווייטן גראד אין 2017. זי איז פאראורטיילט געווארן צו 16 יאר אין טורמע, און האט שוין געדינט מער ווי זיבן און א האלב יאר פון איר אורטייל. מס. האווקינס-טעילאר איז אן איבערלעבער פון שטארקע פיזישע, געשלעכטליכע, און עמאושענאל אביוז וואס זי האט געליטן פון פאמיליע מיטגלידער און אנדערע, און די יעצטיגע פארברעכן האט פאסירט ווען זי האט געליטן פון א פאסט-טראמאטישע פאסירונג. זי און די וויקטים פון די פארברעכן האבן זיך שוין איבערגעבעטן, און די וויקטים שטיצט דאס שענקען באגנאדיגונג אין איר קעיס. אינעם צייט פון זיין אין טרומע, האט מס. האווקינס-טעילאר אנטייל גענומען אין טעראפעאישע פראגראמען צו פארשטיין איר טראומא און די ווירקונג דערפון אויף איר אויפפירונג, און איז געווארן אן אקטיווע מיטגליד פון א אדוואקאסי נעטווארק וואס לייגט געוויכט אויף ארויסהעלפן און שטיצן איינגעשפארטע איבערלעבער פון דאמעסטישע געוואלטאט. מס. האווקינס-טעילאר האט אויך גענומען קאורסעס דורך Marymount Manhattan College. נאכ'ן ווערן באפרייט, פלאנט מס. האווקינס-טעילאר צו פארזעצן איר ארבעט מיט ארויסהעלפן איבערלעבער פון דאמעסטישע געוואלדטאט.

דעיוויד העריאן, 49, איז באשולדיגט געווארן מיט פרובירטע מערדער פונעם צווייטע גראד, אטאקע אינעם ערשטע גראד, אטאקע אינעם צווייטע גראד, און קרימינאלע באזיץ פון געווער אינעם צווייטע גראד אין 1997. ער איז פאראורטיילט געווארן צו 45 יאר אין טורמע, און האט שוין געדינט מער ווי 26 און א האלב יאר. אינעם צייט פון זיין אין טרומע, האט מר. העריאן אנטייל גענומען אין פארשידענע טעראפעאישע, ארבעט, און וואלונטיר פראגראמען. ער האט אנטייל גענומען און אנגעפירט געוואלדטאט פארמיידונג פראגראמען, געארבעט אלץ א געזונטהייט העלפער געבנדיג ענדע-לעבן קעיר, און געדינט אלץ א יוגנטליכע העלפער דורך א פראגראם געצילט צו פארמיידן פארברעכן און האלטן יונגע מענטשן אויף א גוטע לעבנס-וועג. מר. העריאן האט אויך געדינט אלץ א מיטגליד פון די NAACP פליגל אין זיין טורמע, העלפנדיג אויספלאנירן קאמיוניטי-בויען אקטיוויטעטן פאר אנדערע איינגעשפארטע מענטשן. מר. העריאן האט ווייטער וואלונטירט פאר יארן מיט זיין טורמע'ס פארוויילונג דעפארטמענט, העלפנדיג זיך צוגרייטן פאר ספעציעלע צייטן אזוויי פאמיליע טאג, קאלעדזש גראדואירונג, ארטיסטישע אווענטן, און נאכמער. אינעם צייט פון זיין אין טורמע, איז מר. העריאן אויך געווען אקטיוו אין זיין גלויבן קאמיוניטי און געדינט אלץ א העלפער פאר אנדערע מענטשן. ווען ער וועט ארויסגעלאזט ווערן וועט מר. העריאן וואוינען מיט זיין פאמיליע.

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418

זיך ארויסשרייבן